©Copyright 1998 Artists For Israel International All Rights Reserved.

# טעסעלוניאנס1
## קפיטיל 1

1פון שאול,סילא,און טימוטיוס צו די קהילה וואס איז פאראיינעקט מיט
ג-ט דער פאטער און מיט דעם האר ישוע המשיח.חסד און שלום צו אייך
2 מיר דאנקן ג-ט פאר אייך שטענדיק און דערמאנן אייך אין אונדזערע
תפילות.
3דערמאנן מיר תמיד אייער ארבייט פון אמונה און פון ליבע און סבלנות פון
אייער האפנונג אויף אונדזער האר ישוע המשיח ,פאר אונדז ג-ט און פאטער.
4מיר ווייסן ,ברידער אז ג-ט האט אייך ליב און האט אייך אויסגעקליבן.
5 ווייל אונדזער בשורה איז נישט געקומען צו אייך נאר אין דבור אבער
בגבורה און מיט רוח הקודש און מיט פולע געוויסהייט.אזוי האט איר
געווסט ווי אזוי מיר האבן געוואוינט צוואישן אייך.
6 איר זייט געווארן אונדזער נאכפאלגער און פון דעם האר: הגם איר האט
דורכגעמאכט צרות,איר האט מקבל געווען דאס ווארט מיט פיל פרייד פון
דעם רוח הקודש.
7 אזוי זייט איר געווארן א ביישפיל פאר די מאמינים אין מאקידוניא און
אקאיא.
8 ווייל דאס ווארט פון דעם האר איז ארויסגעגאנגן פון אייך נישט נאר אין
מקידוניא און אקאיא אבער אויף יעדער ארט איז אייער אמונה צו ג-ט
באוואוסט געווארן.דעריבער דארף מיר גארנישט רעדן.
9 מבאלט זיי אליין דערציילן אונדז וועגן דעם קבלת פנים מיר האבן פון
אייך געהט און ווי אזוי איר האט זיך אוועקגעדרייט פון עבודה זרה צו ג-ט
און דינט דער אמתע ג-ט וואס איז חי וקיים.
10 און צו ווארטן אויף זיין זון ישוע פון הימל ועמען ער האט אויפגעוועקט
פון די טויטע ,ישוע וועלעכעראטעוועט פון דעם צארן וואס קומט.

## קפיטיל 2

אנער איר אליין ווייסט ברידער אז מיין באזוך איז נישט געווען אומזיסט.
להיפך הגם מיר האבן געליטן און געהאט חרפות אין פיליפי מיר האבן
געהאט מוט אייך אנזאגן די גוטע בשורה אונטער גרויס לחץ.
3 אזוי זעט איר אז איך רעד נישט מיט פאלשקייט אומריינע כוונות אדער
שווינדל.
4 מבאלד ג-ט האט אונדז געפראוווט און האט אונדז געטרויט מיט די גוטע
בשורה ,אזוי רעדט מען, נישט בכדי צו נושא חן זיין ביי מענטשען נאר מיט ג-
ט ווער פראבירט אויס אונדזערע הערצער.

5 איר וווייסט אז איך האב קיין מאל נישט באנוצט מיט חניפה נאר האב איך געשטעלט א פאלשע פנים כדי צוצודעקן קנאה ג-טצ איז מיין עדות.
6 נאר האב איך געזוכט כבוד פון מענטשען נישט פון אייך און נישט פון אנדערע.
7 זייענדיק שליחים פון דער משיח,מיר האבן געקענט זיין שווער אבער מיר זיינן געוועןן מילד מיט אייך אזוי ווי א מוטער האדעוועט אירע קינדער.
8 מיר זיינן געוועןן אזוי איבערגעגבן אז האבן נישט נאר אייגעטיילט זיך מיט די גוטע בשורה אבער אויך מיט אונדזער לעבן,ווייל איר זייט טייער געווארן צו אונדז.
9 איר געדענקט,ברידער,אונדזער עבודה און הארעוואניא,ווי מיר האבן געארבייט יומם ולילה כדי נישט צו זיין א לאסט אויף קיינער נישט פון אייך.
10 איר זייט עדות,און ג-ט אויך,ווי הייליק,גערעכט, און אן א פלעק אונדזער אויפפירונג איז עווען צוווישן אייך מאמינים.
11 איר ווייסט ווי מיר האבן יעדער איינער פון אייך באהאנדלט אזוי ווי א פאטער צו א קינד.מיר האבן אייך מעודד געווען
12 און מיר האבן געבעטען ביי אייך צו פירען א לעבן וואס איז איינגענעם צו ג-ט.
13 אן אנדערע סיבה פארוואס מיר לויבן ג-ט איז אז ווען איר האט ג-טס ווארט געהערט פון אונדז,איר האבן עס מקבל געוועןן נישט ווי א ווארט פון א בשר ודם נאר ווי עס באמת איז,א ווארט פון ג-ט וואס איז משפיע אין אייך מאמינים.
14 ווייל ברידער איר זייט געווארן נאכפאלגער פון ג-טס קהילות אין יהודה וואס זיינן פאראייניקט מיט דער משיח ישוע-איר האט די זעלביקע פון אייער לאנדסלייט ווי זיי האבן פון די יידן וועלעכער,
15 האבן געהרגט סיי דעם האר ישוע און אויך די נביאים און האבן אונדז אויך אטרויסגעטריבן.זיי זיינן נישט וואיל געפעלן ג-ט און זיינן געגן אלע מענטשען.
16 פרובירן אונדז אפצוהאלטן פון
רעדן מיט די גוים כדי זיי זאללן גערעטעוועט ווערן.זייער ציל איז צו זיין וואס מער פושעים. אבער ג-טס כעס וועט זיי איבערנעמען צום סוף.
17 און פאר אונדז ,ברידער,ווען מיר זיינן צוגענאמען געווארן פון אייער חברשאפט אפילו פאר א קורצע צייט,מיר האבן געטראכט און נאכגעבענקט אייך און מיר האבן שטארק געפראוווט אייך קומען זען.
18 מיר האבן אזוי שטארק געוואלט קומען צו אייך-איך שאול האב מער ווי איין מאל פרובירט אבער דער שטן האט מיר אפגעהאלטן.
ווייל ווען אונדזער האר ישוע וועט צוריקומען ,וואס וועט זיין אונדזער הופענונג ,אונדזער פרייד,און אונדזער קרוין מיט ואס צו בארימען .צו עס וועט נישט זיין אייך.
20 יא,איר זייט אונדזער כבוד און פרייד.

## קפיטיל 3

1 ווען מיר האבן נישט געקענט אויסהאלטן,מיר האבן מסקים געווען צו בלייבן אליין אין אטונא.
2 און געשיקט טימוטיוס, אונדזער ברודער און ג-טס ארבייטער פאר די גוטע בשורה פון דעם משיח,כדי אייך צו פארשטארקן אין און אנמוטיקן אין אייער אמונה.
3 כדי אז קיינער פון אייך זאלמ נישט לאזן די רדיפות אים שטערן .ווארום איר ווייסט אז דאס איז זיכער צו זיין.
4 ווען מיר זיינן געווען מיט אייך האבן מיר שטענדיק פאראויס געזאגט אטז וועט קומען רדיפות און באמת עס העאט פאסירט וויר איר ווייסט.
5 צוליב דעם און נישט ביכולות מער דאס צו פארטראגן,איך האב געשיקט צו פארשן אייער אמונה.איך האב מורא געהאט אז דער שטן האט אייך געפראוווט און אונדזער שווערע ארבייט איז געווען אומזיסט.
6 אבער יעצט טימוטיוס איז געקומען פון אייך ברענגעדיק גוטע נייעס פון אייער אמונה און ליבע.און אובדז דערציילן אז איר געדענקט אונדז און בענקן אונדז נאך צו זעען אזוי ווי מיר אייך.
7 דעריבער ,מיין ברידער ,זיינן מיר געטרייסט געווארן , אין אלע צרות און קונפליקן,איבער אייער אמונה.
8 ווארום מיר לעבן איצט וויל איר שטייען פעסט אין בהתקשרות מיט דעם האר.
9 טאקע ווי אזוי קען מיר לויבן ג-ט פאר אייך אדער ארויסזאגן אונדזער שמחה צוליב אייך.
10 טאג און נאכט מיר בעטן וויפיל מיר קען אז מיר זאל אייך זעען פנים בפנים און אייך געבן דאס וואס פעלט אייך אין אמונה.
11 און זאל אונדזער ג-ט אונדזער פאטער און אונדזער האר ישוע המשיח פירן מיר צו אייך. 12 און אייך זאל דער האר מערן און איבערפליסן אין ליבע איינער צום צווייטן און צו אלעמען פונקט ווי מיר זיינן צו אייך.
13 כדי ער זאל אייערע הערצער באפעסטיקן צו זיין אן א מום און בקדושה פאר ג-ט אונדזער פאטער ווען ישוע המשיח וועט קומען מיט אלע זיינע מאלכים.

## קפיטיל 4

1 און ווייטער ברידער, מיר בעטן אייך אין נאמען פון ישוע ,פונקט אזוי ווי איר האט געלערנט פון אונדז ווי אזוי איר זאלט זיך אויפירן כדי צו וואוילגעפלן ג-ט . זאלט איר לעבן אזוי ווייטער וואס מער.
2 ווארום איר ווייסט וועלעכער געבאטן מיר האבן אייך געגעבן דורך ישוע

המשיח.
3 וואס ג-ט וויל אז איז איר זאלט זיין הייליק און איר זאלט אפהאלטן פון זנות.
4יעדער איינער פון אייך זאל האלטן זיין כלי בכבוד און הייליק.
5 נישט מיט גלוסטן און תאוות ווי די גוים וועלעכער קענען נישט ג-ט.
6 קיינער זאל נישט בעוולן זיין ברודער און נעמען זיין פרוי ווייל דער האר שטראפט אלע וואס טוען אזוי ווי מיר האבן אייך באריכות מסביר געווען.
7 ווייל ג-ט האט אונדז נישט גערופן צו טומאה נאר צו קדושה.
8 דעריבער דער וועלעכער פסולט עס,פסולט נישט א מענטש נאר ג-ט,ווער האט אונדז געגעבן זיין רוח הקודש.
9 בנוגע צו אהבת אחים(ליב האבען די ברידער) דארפן מיר נישט שרייבן אייך ווייל איר זייט געלערנט ביי ג-ט ווי אזוי ליב האבן איינער דעם אנדערן.
10 טאקע איר האט ליב די אלע ברידער אין מאצעדוניא.אבער מיר בעטן אייך איר זאל עס טון וואס מער.
11 איר זאלט פירן א שטיל לעבן און נישט מישען אין יענעמס געשעפטן און ארבעטן מיט אייער אייגינע הענט.אזוי ווי איך האב אייך געזאגט.
12דעמאלט איר וועלן האבן די רעספקט פון די אין דרויסן און איר וועט נישט זיין אפהענגיק אויך קיינעם.
13 יעצט ברידער מיר ווילן אז איר זאלט נישט זיין אומוויסינד וועגן די וועלעכע זיינן געשטארבן.כדי איר זאלט נישט טרויערן ווי די אנדערע וואס האבן קיין האפנונג.
14 ווייל ווען מיר גלויבן אז ישוע איז געשטארבן מיר גלויבן אויך אין די זעלבע ווייז וועט ג-ט ,דורך ישוע , נעמען די אלע געשטארבענער מיט אים.
15 ווען מיר זאגן דאס מיר זיינן סומך אויף דער הארס אייגענערווארט.מיר, וועלעכער בלייבן לעבן ווען דער האר וועט צוריקומען,וועלן נישט פאראוסגעיין די וואס זיינן שוין געשטארבן.
16 ווארום דעא האר אליין וועט ארופקומען פון הימל מיט א געשריי, און מיט א קול פון א מאלך און מיט א תקיעת שופר:און די טויטע אין משיח וועלן אויפשטיין די ערשטער .
17 דערנאך מיר די געבליבענע וועלן צוזאמען מיט זיי וועלן ארויפגעכאפט ווערן אין די וואלקענעס כדי צו באגעגענן דעם האר אין דער לופט.אזוי וועט מיר זיין מיט אים אייביק.
18 דאריבער טרייסט איינער דעם אנדערן מיט די ווערטער.

## קפיטיל 5

1אבער וואס איז שייך צו די צייטען און זמנים פון די אלע זאכן,דארפט איר נישט אז איך זאל שרייבן .
2 ווייל איר ווייסט גענוי אז דעם טאג פון דעם האר קומט אן ווי א גנב ביי

דער נאכט.
3ווען זיי זאגן שלום ושלוה דעמאלסט דער חורבן וועט קומען אויף זיי פלוסלונג אזוי ווי געבורט ווייען קומען אויף א קימפעטארין און עס איז נישט מעגלעך אנטלויפן דערפון.
4 אבער אייך ברידער זיינן נישט אין פינצטערניש דעריבער דער טאג וועט אייך נישט נעמען ווי א גנב.
5 אבער איר זייט אלע מענטשען פונם ליכטיקייט און קינדער פונם טאג. מיר זיינן נישט פון דעם נאכט און פינצטערניש .
6 דאריבער לאמיר נישט שלאפן אזוי ווי אלע אנדערע נאר תלהיפך לאמיר זיין וואך און ניכטער.
7 די וועלעכער שלאפן שלאפן ביינאכט און מענטשען וועלעכער שכורנן זיך אן שכורן אן ביינאכט.
8 אבער מבאלט מיר גהארן צום טאג לאמיר בלייבן ניכטער לאמיר זיך אנטון דעם פאנצער פון אמונה און ליבע און אלס א העלם די האפנונג פון ישועה.(ישעי" 59:17
9 ווארום ג-ט האט אונדז נישט באשטימט צו פילן זיין כעס אבער מיר זאלן באקומען ישועה דורך אונדזער האר ישוע המשיח.
10 ווער איז געשטארבן פאר אונדזערטוועגן כדי אז סאי שלאפאדיק סאי וואך זיינן מיר מיט אים.
11 דעריבער טרייסט און בויט אויף איינעם דעם אנדערן אזוי ווי איר טוט שוין.
12 מיר בעטן אייך ברידער אז איר זאלט האבן דרך ארץ פאר רי וועלעכע ארבעטן שווער צאווישן אייך צו די וועלעכע זיינן אייער פארשטייער און מוסר זאגערס .
13 און געב זיי גרויס כבוד און ליבשאפט צוליב זייער ארבייט .לעבט בשלום צאווישן אייך.
14 מיר זיינן אייך מזהיר אז איר זאלטווארנען די וועלעכער זיינן אומרואיק,פארשטארק די שוואכהערציקע,און אונטערהאלטן די שוואכע און האט סבלנות מיט אלעמען.
15 זעט אז קיינער זאל נישט צאלן שלעכטס פאר שלעכטס.להיפך פראבירט צו טון גוטס איינער צום אנדערן טאקע צו אלעמען.
16 זייט תמיד בשמחה.
17 בעט שטענדיק( כסדר).
18 אין אלעס זייט דאנקבאר ווייל דאס איז וואס ג-ט פאדערט פון אייך דורך ישוע המשיח.
19 לעשט נישט אויס דעם גייסט.
20 פאראכט נישט נבואה.
21 פראבירט אלץ אויס און האלט אן צו דאס וואס איז גוט.
23 דער האר פון שלום זאל אייך הייליקן דורך און דורך און אייער רוח,נפש און גוף אפגעהיט ווערן ביים קומען פון אונדזער האר ישוע המשיח.
24 ער וועלעכער רופט אייך איז א נאמן און ער וועט עס טון.

25 ברידער זייט מתפלל פאר אונדז.
26 גיט די אלע ברידער אפ שלום מיט א הייליקע קוש.
27 איך באשווער אייך צו ליינען דעם בריוו פאר די אלע ברידער.
28 זאל דער חסד פון אונדזער האר ישוע המשיח זיין מיט אייך.